# **פרשת כי תבוא י' – ט"ז אלול תש"פ לפ"ק**

***יום ראשון פרשת כי תבוא***

אחר תפלת שחרית התקיים מסיבת לחיים לרגל היארצייט של הר"ר **צבי יהודא קיסנער** ע"ה (ממונטריאל, גיסו של הרבנית מוואדקערט ע"ה, חמותו של **רבינו שליט"א**).

*

***יום שלישי פרשת כי תבוא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ישראל שלמה הירש** ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** די ערשטע שבת וואס איך בין געקומען קיין מאנסי נאכדעם וואס איך בין געווארן רב אין וויען, בין איך איינגעשטאנען דא ביים טאטען.

**א' האבלים:** ווען מיין טאטע איז געקומען קיין אמעריקא, האט אים זיין טאטע געשיקט לערנען אין סאטמאר, און ער איז אנגעקומען מיט א ווייסע רעקל, האט דער **סאטמארער רב** געזאגט פאר זיין טאטע, אז ער זאל אים שיקן קיין וויען.

דער טאטע האט מיר אמאל געזאגט, אז ער איז געווען דעם סאטמארער רב'ס אקאנטענ"ט.

**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **סאטמארער רב**, אז ער האט זיך אמאל געטראפן מיטן **וויענער רב**, און ער האט גערעדט מיט אים וועגן דעם וואס אין וויען האט מען געלערנט ענגליש מיט די בחורים אין ישיבה. האט דער סאטמארער רב געפרעגט, פארוואס פעלט דאס אויס? האט דער וויענער רב געזאגט, כדי זיי זאלן האבן פרנסה שפעטער, זיי זאלן קענען ווערן אקאנטענט"ס. האט דער סאטמארער רב געזאגט, מיינע תלמידים וועלן זיין די עשירים, און זיי וועלן זיין די אקאנטענט"ס פאר זיי.

**א' האבלים:** מיין טאטע איז געווען דער אקאנטענט פאר די סאטמארע מוסדות אסאך יארן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **ארי' לייב** ני"ו בן הר"ר **יואל ראזענבוים** ני"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה אהרן פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** למאנסי וקבע מזוזה בבנין החדש של הבית חינוך לבנות במאנסי.

***יום חמישי פרשת כי תבוא***

בשעות אחר הצהרים השמיע **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך, ובסיום השיעור השמיע דברים אחדים לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן הדברים:***

**תם** ונשלם (סימן ש"ז), יעצט דארף מען איבערחזר'ן וואס מען האט געלערנט א גאנץ יאר, און פאר דעם איז געגעבן געווארן דער בין הזמנים.

**עס** איז מיר נאכנישט אויסגעקומען אז איך זאל איבערגעבן פאר די בחורים, אז איך האב גערעדט צום **ספינקער רבי** (**האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א**) די פאריגע וואך, נאכדעם וואס די בחורים זענען געווען דארט (אחר שתעו ביער הסמוך למעונו בפליישמאנ"ס), און ער האט מיר זייער גערימט די בחורים, אז זיי האבן זיך זייער שיין אויפגעפירט. און ער האט באמערקט, אז קיינער האט נישט געמאכט א ברכה ביז ער האט נישט ארויפגעלייגט די הענט אויפן קאפ, און אזוי געמאכט א ברכה (שחלקם לא היה להם הכובע בצאתם מיער), און ביים בענטשען, איז מען די גאנצע בענטשען אזוי געזעסן. איך וויל ארויסברענגען, אז מען באמערקט יעדע זאך וואס מען טוט, אפילו קלייניגקייטן וואס מען מיינט אז מען באמערקט נישט, באמערקט מען אויך. און עס איז א חלק פון קידוש שם שמים. אז מען פירט זיך אויף ערליך.

**די** וואס האבן עוסק געווען דארט אין די הצלה האבן געזאגט, אז די בחורים האבן זייער שיין באגריסט יעדן איינעם, און באדאנקט יעדן איינעם. און דאס מיינט מקדש זיין שם שמים וואו מען גייט און וואו מען שטייט. ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה), אהבהו על הבריות (יומא פו.), מען דארף זיך אזוי אויפפירן, אז מען זאל באליבן דעם אייבערשטען ביי אנדערע.

*

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ישראל דוד זינגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש של הישיבה גדולה. **רבינו שליט"א** נתכבד

במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**די** וואך אין די פרשה איז אויסגערעכנט די אלע ברכות וואס מען וועט באקומען אויב מען וועט היטן די תורה, און די קללות וואס וועט קומען אויב מען וועט נישט היטן די תורה. אין די ברכות איז אויסגערעכנט ברוך פרי בטנך, דו וועסט האבן א ברכה אין די קינדער, און ברוך טנאך ומשארתך (דברים כח-ד), טנאך ומשארתך גייט ארויף אויף די פירות, עס וועט זיין א ברכה אין דיין פארמעגן. ער הייבט אן קודם מיט די קינדער, און נאכדעם גייט ער צו די פרנסה. ווען עס קומט צו ארור איז פארקערט, זאגט די תורה קודם ארור טנאך ומשארתך, און נאכדעם ארור פרי בטנך, ער רעדט קודם פון די פארמעגן פונעם מענטש, און נאכדעם רעדט ער פון די קינדער. דער **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו קכה.) שטעלט זיך פארוואס ער איז משנה, פארוואס ביי די ברכה האט ער אנגעהויבן קודם מיט פרי בטנך, און צום סוף געלאזט טנאך ומשארתך, און שפעטער זאגט ער פארקערט.

**דער** חתם סופר זאגט, אז עשירות איז זייער חשוב, און מען קען מיט דעם אסאך אויפטון פאר עבודת ה'. אבער ווילאנג די קינדער זענען נאך קליין, איז בעסער אז עס זאל נישט זיין א עשירות אין שטוב, כדי די קינדער זאלן זיך נישט צוגעוואוינען צו קיין רחבות, און דעמאלטס וועלן זיי זיין מער אונטערטעניגט אונטערן אייבערשטען. ווען די קינדער זענען שוין ערוואקסען, דעמאלטס איז א ברכה די עשירות. איז ביי ברכה הייבט ער אן קודם ברוך פרי בטנך ופרי אדמתך, ער הייבט אן קודם מיט די קינדער, דו זאלסט זיין געבענטשט מיט די קינדער, און דעמאלטס זאלסטו נאך נישט האבן דעם טנאך ומשארתך, נאכדעם ווען דו וועסט האבן א ברכה אין די קינדער, נאכדעם קען צוקומען די עשירות. אבער ביי די קללה זאגט ער קודם ארור טנאך ומשארתך, די קללה וועט זיין א דאפעלטע קללה. דו וועסט גארנישט האבן, דו וועסט נישט האבן קיין עשירות, וואלט דאך דאס געדארפט ברענגען אז די קינדער זאלן זיין ערליך, אז זיי זאלן זיין אונטערטעניגט אונטערן אייבערשטען, זאגט דער פסוק, אפילו דו וועסט נישט האבן, וועט אויך זיין ארור פרי בטנך, דו וועסט נישט האבן קיין נחת פון די קינדער. אזוי שטייט אין חתם סופר.

**מען** וואלט געקענט צוגעבן נאך א נקודה צו דעם. אז דער אייבערשטער העלפט, און מען האט גראטעטנע קינדער, זיצען זיי און זיי לערנען נאך די חתונה. און אז מען זיצט און מען לערנט נאך די חתונה, מוז דאך איינער אויסהאלטן, מוז דער אייבערשטער שיקן א שפע פון פרנסה פאר די עלטערן, כדי די קינדער וואס זענען געבענטשט, זאלן קענען ווייטער זיצען און לערנען. איז קודם ברוך פרי בטנך, דו וועסט האבן א ברכה אין די קינדער, זיי וועלן אויסוואקסען תלמידי חכמים, וועלן זיי דאך נישט גיין ארבעטן נאר זיי וועלן זיצען אין בית המדרש און לערנען, וועט דער אייבערשטער צושיקן אז עס וועט זיין ברוך טנאך ומשארתך, דער אייבערשטער וועט צושיקן א שפע אין די פארמעגן, כדי זיי זאלן קענען זיצען און לערנען. האט ער קודם אנגעהויבן מיט ברוך פרי בטנך, און נאכדעם טנאך ומשארתך. טאמער אבער די קינדער זענען ארור, זיי לערנען ממילא נישט, דארף ער דאך נישט האבן קיין געלט אז ער זאל זיי אויסהאלטן, ווייל די קינדער קענען זיך אליין באזארגען מיט די פרנסה. הייבט ער אן ארור טנאך ומשארתך, דו וועסט נישט האבן קיין געלט פאר די פרנסה, ווייל עס איז ארור פרי בטנך ופרי אדמתך.

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה, וואו מען זיצט און מען לערנט, דארף נאכקומען ברוך טנאך ומשארתך. אויב עס איז ברוך פרי בטנך, דארף זיין נאכדעם ברוך טנאך ומשארתך, כדי מען זאל קענען זיצען און לערנען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך מגדל זיין דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

*

לפני תפלת מעריב השמיע **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'**, לתלמידי הישיבה גדולה.

***קטע מתוך השיעור:***

**דער** פסוק (דברים כו-יז) זאגט, את ה' האמרת היום להיות לך לאלקים וללכת בדרכיו, ולשמור חוקיו ומצותיו ומשפטיו, ולשמוע בקולו. עס שטייט אין

**חתם סופר** (דרשות רעד:) אז מצה ווערט אנגערופן (דברים טז-ג) לחם עוני, שעונין עליו דברים הרבה (פסחים לו.). דער פשוטער פשט איז, אז די מצות וואס מען לייגט אראפ אויפן טיש ביים סדר, דערציילט מען אויף דעם סיפור יציאת מצרים. דער הייליגער חתם סופר טייטשט, אז די מצה בעהט זיך, און זי איז מתפלל צום אייבערשטען, אז זי זאל אנקומען צו א יוד ער זאל קענען מקיים זיין מיט אים די מצוה פון מצה. נישט יעדע ווייץ איז זוכה אז זי זאל אנקומען צו א יוד'ס הענט. און ווען זי קומט שוין אן צו א יוד, איז זי נאכנישט זוכה אז ער זאל מקיים זיין מיט דעם די מצוה פון אכילת מצה. איז די מצה מתפלל, אז זי זאל אנקומען צו א יוד וואס זאל מיט איר מקיים זיין די מצוה פון אכילת מצה. קומט אויס, אז די מצה וואס ליגט אויפן טיש, איז לחם עוני, עס איז א ברויט וואס רעדט, עס איז א ברויט וואס האט אסאך מתפלל געווען צום אייבערשטען, אז מען זאל עסן די מצה. דער לשון פון חתם סופר איז, אז עס רעדט צום מענטש, עס מיך אויף כדי איך זאל קענען מקיים זיין דורך דיר די מצוה.

**עס** איז דא א ספר **אור פני יהושע** פונעם **גאלאנטער רב זצ"ל**, און דארט שטייט (דף ל) אז ווען דער **גאלאנטער רב** פלעגט נאכזאגן דעם חתם סופר, האט ער געזאגט, אז עס שטייט נישט אין קיין שום פלאץ אין חז"ל, אז א מצוה איז מתפלל אז א יוד זאל אים מקיים זיין. און אז דער חתם סופר האט עס געשריבן, מוז זיין אז דער חתם סופר האט געהערט ווי אזוי די מצה איז מתפלל, אז נישט וואלט ער נישט געקענט שרייבען אזא זאך, אז די מצה איז א לחם עוני, עס איז א ברויט וואס רעדט (עיין **בשמן ראש** לפסח ח"א דף רכה).

**קומט** דאך אויס, אז יעדע מצוה בעהט זיך צום מענטש. די תפלין בעהט טוה מיך אן, די ציצית בעהט טוה מיך אן, כדי איך זאל קענען דורך דיר מקיים זיין א מצוה פארן אייבערשטען. מען זאגט ביים דאווענען (בתפלת עזרת), אשרי איש שישמע למצותיך. דער פשוטער פשט איז, וואויל איז דעם מענטש וואס ווערט צוהערן און פאלגען וואס דער אייבערשטער זאגט. 'אשרי איש', וואויל איז דער מענטש, 'שישמע למצותיך', וואס ער הערט וואס די מצוה רעדט, ער הערט דעם קול פון די מצוה. ווי דער חתם סופר האט געהערט ווי די מצה רעדט און איז מתפלל אז זי זאל אנקומען צו אים.

**זאגט** די תורה הק', את ה' האמרת היום להיות לך לאלקים וללכת בדרכיו, מיר האבן אויסגעקליבן דעם אייבערשטען צו גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטען, ולשמור חוקיו ומצותיו ומשפטיו, און דעמאלטס 'ולשמוע בקולו', ווערסטו קענען הערן דעם קול פון די מצות, ווי אזוי די מצוה רעדט צו דיר, אזוי ווי דער חתם סופר האט זוכה געווען, צו הערן דעם קול פון די מצוה.

*

***שבת קודש פרשת כי תבוא***

**רבינו שליט"א** ערך שולחנו ביום שבת קודש ביחד עם תלמידי הישיבה גדולה.

בסעודה שלישית בסיום הדברות קודש השמיע **רבינו שליט"א** דיבורים מיוחדים לקראת סיום זמן הקיץ בקעמפ.

***וזה תוכן הדברים:***

**באלשיך הק'** כתוב לפרש המשך הדברים ארמי אובד אבי וירד מצרימה (דברים כו-ה), כי חז"ל (שבת י:) אמרו, בשביל משקל שני סלעים מילת שנתן יעקב ליוסף יותר משאר בניו נתקנאו בו אחיו, ונתגלגל הדבר וירדו אבותינו למצרים ע"כ. וכמו שנאמר (בראשית לז-ג) וישראל אהב את יוסף מכל בניו כי בן זקונים הוא לו, ועשה לו כתונת פסים, ויראו אחיו וגו', וישנאו אותו ע"כ. והנה כל זה נתהוה באשמתו של לבן הארמי, שנהג ביעקב מנהג רמאות, ומסר לו את לאה תחת רחל (מגילה יג:), ונתגלגלו הדברים שיוסף הצדיק לא היה הבכור, ולכן כאשר עשה לו אביו כתונת פסים עורר הדבר את קנאתם של אחיו, וזה גרם לגלות מצרים. כי אלמלי היה יוסף הבכור, אז לא היו מקנאים אחיו בו, שכן בכור זכאי לקבל יותר מכל אחיו, ועל ידי שארמי רימה את אבי, זה גרמה וירד מצרימה ע"כ.

**דער** מוסר השכל פון דעם איז, א מענטש קען אמאל טון א שריט, א קליינגקייט, עס קוקט אים אויס אז ער האט געטון נאר איין געוויסע זאך וואס ער האט יעצט געטון, צו עס איז יא גוט געווען צו נישט גוט געווען, אבער די תוצאות וואס פון דעם קומט ארויס, וואס עס קען זיך אפשפילן פון דעם, איז אין לשער וואס פאר א גרויסע טויש עס קען מאכן אינעם גאנצן לעבן.

**לבן** האט אויסגענארט יעקב און ער האט אים געגעבן לאה, אן עולה פאר זיך. אבער דער עולה פאר זיך, איז נישט געווען איין עולה, דאס האט צוגעברענגט גאנץ ירידת מצרים. דאס וואס כלל ישראל איז געווען אין מצרים צוויי הונדערט יאר, איז אלעס געקומען וועגן איין זאך וואס לבן האט געטון. פון דעם וואס ער האט אויסגענארט יעקב אבינו, פון דעם איז ארויסגעקומען אז מען האט געהאט קנאה אויף יוסף, און מען האט פארקויפט יוסף, און וועגן דעם איז יעדער אראפגעגאנגען אויף מצרים. גאנץ גלות מצרים איז צו פארדאנקען פאר איין זאך וואס לבן האט געטון, וואס ער האט אויסגענארט יעקב אבינו. - זעהט מען, אז אמאל קען א מענטש טון א געוויסע זאך, ער האלט אז די זאך אליין איז נישט אזוי געפערליך, אבער די תוצאה וואס עס קומט ארויס דערפון, האט אויסערגעוועגליכע תוצאות אויף שפעטער.

**דאס** איז שייך ביי יעדן מענטש. **מען רעד דאך צו בחורים, וואס מען האט די יונגע יארן וואס דער אייבערשטער שענקט, וואס מען קען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, און אויסוואקסען ערליך. און אמאל פארשפילט מען די יונגע יארן, אנשטאט אוועקצוגעבן די צייט אויף תורה און עבודת ה', לערנט מען נישט אזוי ווי מען דארף צו לערנען, מען דאווענט נישט, מען פירט זיך נישט אויף ערליך ווי מען וואלט זיך געדארפט אויפצופירן, און מען פארפאסט די יונגע יארן. ווען מען פארפאסט די יונגע יארן, האט מען נישט פארפאסט די יונגע יארן אליין, די תוצאות פון דעם איז, וואס פאר א סארט יונגערמאן ער וועט זיין שפעטער, וואס פאר א שידוך ער וועט טון שפעטער, וואס פאר א שטוב ער וועט אויפשטעלן שפעטער, אלעס איז איין לאנגער קייט וואס הייבט זיך אן פון א קלייניגקייט וואס אלץ בחור האט ער זיך נישט מסדר געווען ווי עס דארף צו זיין. די זאך פאר זיך אליין איז אן עולה, דאס איז נאר איין זאך, דאס יאר האט ער נישט געלערנט. אבער דאס יאר נישט לערנען, דאס איז נישט נאר איין יאר נישט לערנען, דאס איז זיין גאנץ לעבן שפעטער. זיין גאנצע לעבן שפעטער וועט זיין תלוי ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט, ווי אזוי ער איז אויסגעשטיגן אלץ בחור. ווען ער איז אויסגעשטיגן אלץ בחור ווי עס דארף צו זיין, און דעם שידוך וואס ער וועט טון שפעטער, ווערט ער א בן תורה, ער זעצט זיך אריין אין כולל, ער הייבט אן מרביץ תורה צו זיין, און אזוי ווייטער.** אבער טאמער פעלט עס אים, דעמאלטס איז זיין לעבן אינגאנצען אנדערש.

**בין אדם לחבירו. א מענטש באליידיגט אמאל דעם חבר, מען צוברעכט דעם חבר, און דורכדעם האט ער נאכדעם נישט קיין מוט ער זאל קענען שטייגן. ער האט נאר געטון יעצט א קלייניגקייט, ער האט אים באליידיגט, ער האט געזאגט אויף אים א זאך וואס עס פאסט נישט צו זאגן וכדומה, אבער די תוצאה וואס עס האט ארויסגעברענגט נאכדעם, וואס עס געשעהט מיט דעם מענטש שפעטער, קען מען קיינמאל נישט וויסן ווי ווייט דאס רירט אן.**

**אז מען פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, און די ישיבה איז מחליט אוועקצושיקן דעם בחור פון ישיבה, איך געב עס פאר א משל. דער שריט, אוועקצושיקן איינעם פון א ישיבה, וויפיל תוצאות דאס קען נאכדעם מאכן, וואס פאר א תוצאות עס קומט ארויס דערפון, איז אין לשער, וואס עס קען אלץ ברענגען. וואו ער וועט זיך נאכדעם דרייען, וואס פאר א שידוך ער וועט טון שפעטער. פון איין זאך וואס מען האט געטון, וואס עס קען אלץ ארויסקומען נאכדעם.**

**דאס** מיינט החכם עיניו בראשו, א חכם טוט ביי א יעדע זאך איבערטראכטן, נישט נאר די זאך אליין וואס ער טוט, נאר ער טוט איבערטראכטן די תוצאות וואס וועט ארויסקומען פון דעם. און ער היט זיך, אפילו יעצט אויפן מאמענט איז עס נאר א קלייניגקייט, אבער איך דארף זיך היטן, ווייל איך קוק נישט אויף וואס עס איז יעצט, א חכם איז הרואה את הנולד, ער זעהט וואס עס גייט ארויסקומען דערפון. פון דעם איינעם ארמי אובד אבי, וואס אנשטאט צו געבן רחל האט ער געגעבן לאה, דאס האט איבערגעדרייט דעם גאנצן כלל ישראל, אז מען האט געדארפט גיין קיין מצרים אזויפיל יארן, וועגן די משקל שני סלעים מילת וואס יעקב האט געגעבן.

**שלמה** המלך איז געווען דער חכם מכל אדם, א חכם איז דער טייטש א רואה את הנולד. און שלמה המלך האט אלץ גענומען פאר זיך א משל די פרשה פון ארמי אובד אבי, וואס עס איז אלץ ארויסגעקומען פון דעם וואס לבן האט געטון. די דריי ווערטער

ארמי אובד אבי, איז דריי אל"ף'ס, א'רמי א'ובד א'בי. וידבר שלשת אלפי"ם משל, שלמה המלך האט אלץ גענומען א משל פון די דריי אל"ף'ס פון א'רמי א'ובד א'בי, דאס איז געווען פאר אים פאר א משל זיך אראפצולערנען, קוקסט וואס עס קומט ארויס פון א קלייניגקייט וואס מען טוט. און דאס איז געווען א משל פארן חכם מכל אדם, אז מען זאל זיך אראפלערנען דערפון, ווי אזוי מען דארף זיך היטן אין די יוגענט. **וואס מען טוט יעצט, אפילו א קלייניגקייט, וואס מען גייט אוועק פונעם נארמאלען סדר, דאס וועט איבערלאזן תוצאות שפעטער, וואס מען קען עס נישט נאכדעם פאררעכטן.**

**און אז א חכם איז עיניו בראשו, ווייסט ער אויסצונוצען די יונגע יארן ווילאנג מען איז אין ישיבה. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען זיצט אין ישיבה, צו מען גייט צוריק אין שטאט, צו עס איז בין הזמנים, ער זאל זיך נישט פארשמירן, ער זאל זיך נישט פארפאטשקענען, ער זאל נישט אוועקגיין פונעם ריכטיגן וועג. ווייל אפילו יעצט קוקט עס נאר אויס ווי א קלייניגקייט, קען מען קיינמאל נישט וויסן די תוצאות וואס עס וועט ארויסקומען פון דעם שפעטער.** און דאס דארף טוהן א חכם וואס איז א רואה את הנולד, מען זאל זעהן וואס עס וועט נאכקומען שפעטער.

*

**דער** ענין פון ביכורים איז הכרת הטוב, מכיר טוב זיין פארן אייבערשטען. **וויסן אז וואס מען האט, האט מען אלעס פונעם אייבערשטען. א מענטש האט נישט פון זיך אליין גארנישט. וואס מען האט אים אנגעשריבען, דאס האט ער. יעדע קלייניגקייט וואס א מענטש האט הנאה פון די וועלט, האט עס אים דער באשעפער געגעבן, דאס איז א טובה פונעם אייבערשטען. און מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען, און מכיר טובה זיין דעם באשעפער, אויף אלע חסדים וואס דער באשעפער טוט מיטן מענטש.**

**דאס** איז דער ענין פון תפלה וואס מיר דאווענען, מיר זענען דאנקבאר פארן אייבערשטען אויף די טובות וואס דער באשעפער האט אונז געטון, און מיר בעטן אלץ אויף ווייטער. מיר דאנקען אויף דעם וואס איז געווען, נותן הודאה על העבר ומבקש על העתיד, א מענטש דארף שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטען אויפן עבר, וואס ער איז אדורכגעגאנגען, און בעטן אויף שפעטער. דאס איז געווען ביכורים, דער באשעפער האט אים געגעבן אז זיין פעלד איז געוואקסן, און ער האט געהאט פירות, און ער דאנקט דעם רבונו של עולם, ער ברענגט ביכורים. האסט מיר געגעבן א פעלד, וואס האט מיר געגעבן פירות, איך דאנק דיך, איך ברענג די פירות אין בית ה', צו לערנען די מדה פון הכרת הטוב, מכיר טובה זיין אז עס קומט פונעם אייבערשטען.

**געוועונליך** איז דער סדר, ווען א מענטש איז מכיר טוב פארן אייבערשטען, דאנקט ער נאר דעם אייבערשטען אויף די לעצטע טובה וואס ער האט געהאט. יעצט האט ער געהאט עפעס א גוטע זאך, ער האט עפעס מצליח געווען, דאנקט ער דעם רבונו של עולם פאר די הצלחה וואס ער האט אים געגעבן. אויף די הצלחה וואס ער האט געהאט פאר א יאר און פאר צוויי יאר צוריק, אויף דעם האט ער דאך שוין געדאנקט דערויף. עס פאלט אים נישט איין צו דאנקען דעם אייבערשטען, נאכאמאל און נאכאמאל אויף די חסדים וואס דער באשעפער האט מיט אים געטון. איך האב דאך שוין געדאנקט אויף דעם פאר א יאר, דארף איך דאך נישט דאנקען יעצט. עס איז צוגעקומען די יאר א פרישע טובה, דאנק איך דעם אייבערשטען אויף דעם.

**עס גייט אדורך א יאר, און אז דער מענטש דארף דאנקען דעם אייבערשטען אויף אלעם וואס דער באשעפער האט געטון דורכאויס דאס יאר, איז נישט גענוג אז מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף דעם יאר אליין, נאר מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען פון ווען דו ביסט געבוירען געווארן ביז היינט. וויפיל חסדים דער רבונו של עולם האט מיט דיר געטון אז דו ביסט אנגעקומען ביז אהער! אפילו דו האסט טאקע געדאנקט דעם אייבערשטען פאראיאר און פאר צוויי יאר, איז עס נישט גענוג! מיט איין ווארט א דאנק האט מען נאכנישט אפגעצאלט פארן רבונו של עולם וואס דער באשעפער האט אים געגעבן. א יוד דארף שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטען על כל החסד אשר עשית עמדי, ועל כל החסד אשר אתה עתיד לעשות עמי, דאנקען דעם אייבערשטען פאר אלע חסדים וואס דער באשעפער האט מיט אים געטון פון ווען ער איז געבוירען. דו ביסט געזונט, דו ביסט**

**אויסגעוואקסן וואס דו ביסט, דאנק דעם רבונו של עולם דערויף, נישט יעדער האט זוכה געווען צו דעם וואס דו האסט. דו האסט א נארמאלע שטוב, דו ביסט נתחנך געווארן אין א גוטן מקום, דאנק דעם רבונו של עולם פאר דעם.** עס איז נישט גענוג אז דו דאנקסט נאר דעם אייבערשטען וואס עס איז געווען יעצט.

**און** דאס לערנט אונז די מדה פון ביכורים. ביי ביכורים האט מען נישט געדאנקט דעם אייבערשטען נאר אויף די פירות וואס ער האט יעצט געהאט, דער באשעפער האט מיר געגעבן דאס יאר פרישע פירות, ברענג איך ביכורים, און איך דאנק דעם אייבערשטען דא היינט. קומענדיגע יאר וועל איך דאנקען אויף די פרישע פירות וואס דער באשעפער וועט מיר געבן. **ווען א יוד דאנקט דעם אייבערשטען, דארף ער אנהייבן פון די א', און נישט נאר די א' פון זיך אליין, נאר פון יעקב אבינו אן. אז איך בין א חלק פונעם כלל ישראל, און איך האב געהאט אן ערליכען טאטען, מיט א ערליכן זיידן, מיט אן ערליכן עלטער זיידן, און אלע תוצאות וואס איז ארויסגעקומען דורכדעם, אלעס האט מען מיר צוגעשטעלט, ביז איך בין צוגעקומען צו דעם פלאץ ווי איך בין צוגעקומען,** אויף אלעם דארף ער דאנקען דעם אייבערשטען, עס איז נישט גענוג אז מען דאנקט נאר פאר די יעצטיגע זאך.

**ווען** א יוד איז געקומען ברענגען ביכורים האט ער געזאגט, ארמי אובד אבי וירד מצרימה, איך הייב אן צו דאנקען אויפן אנהייב פונעם כלל ישראל. יעקב אבינו וואלט געקענט ווערן אויס יעקב, ארמי אובד אבי, לבן האט געוואלט לעקור את הכל. און אז עס איז נישט דא קיין יעקב, איז נישט דא קיין אבות, איז נישט דא קיין כלל ישראל. ווען איך דאנק דעם אייבערשטען, אז דער באשפער האט מיר געברענגט אויף ארץ ישראל, און ער האט מיר געגעבן די פירות, דאנק איך דעם אייבערשטען פון דעמאלטס אן, ווען דער אייבערשטער האט עוקר געווען לבן, און יעקב איז געבליבן. ווען מען איז אראפ אויף מצרים, האבן מיר געהאט פראבלעמען אין מצרים, ונצעק אל ה', דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן, מיר זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, מיר האבן איינגענומען ארץ ישראל, יעדער איינער האט באקומען זיין נחלה, יעצט דאנק איך טאקע דעם אייבערשטען אויף די פרישע פירות, אבער איך דאנק נישט נאר אויף די פרישע פירות, איך דאנק דעם אייבערשטן, אילו פינו מלא שירה כים ולשוננו רנה כהמון גליו, אין אנו מספיקין להודות לך ה', עס איז נישט גענוג צו דאנקען דעם אייבערשטן נאר אויף יעצט, א מענטש דארף דאנקען דעם אייבערשטען אויף אלעם וואס עס האט זיך אפגעשפילט זיין גאנץ לעבן ביז צום היינטיגן טאג. די מינוט וואס א יוד דאוונט און ער גיט א הודאה פארן אייבערשטען, זאגט ער, רבונו של עולם איך דאנק דיך נישט אויף מיין היינטיגן מצב, נאר ביז צום היינטיגן מצב, ביז דו האסט מיך צוגעברענגט אהער, אויף אלעם געב איך אן הודאה, איך דאנק דעם רבונו של עולם אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן.

**וידבר** שלשת אלפים משל, די דריי אל"ף'ס פון ארמי אובד אבי, אז בשעת מען דאנקט דעם אייבערשטען איז נישט גענוג די הודאה אויף די טובה וואס דער באשעפער טוט מיט דיר יעצט, נאר מען הייבט אן פון ארמי אובד אבי, דאס האט ער אלץ געזאגט פאר א משל, אז ווען דו דאנקסט דעם אייבערשטען זאלסטו וויסן דו ביסט מחוייב א הכרת הטוב פארן באשעפער אויף אלעם וואס עס איז געווען ביז יעצט, און וואס מען האט דיר געגעבן. עס איז נישט גענוג צו דאנקען אויף די טובה אליין וואס דער אייבערשטער האט דיר געטון גוטס יעצט. דאס איז די מדה פון הכרת הטוב, מכיר טובה צו זיין פארן אייבערשטען.

*

**הכרת הטוב איז אויך בין אדם לחבירו, מכיר טוב זיין פאר א גוטע חברותא וואס האט געלערנט מיט דיר. דו האסט געהאט פון אים א טובת הנאה, דארף מען אייביג מכיר טובה זיין, און נישט זיין קיין כפוי טובה, נישט צוריקצאלן רעה תחת טובה. עלטערן וואס געבן אזויפיל אוועק פאר קינדער, עטץ זענטס נאך קינדער, עטץ ווייסט אפילו נישט וואס דאס מיינט. ווען מען וועט חתונה האבן, וועט מען וויסן, וואס עלטערן האבן געטון מיט ענק. וויפיל פלאגן זיך עלטערן מיט א קינד ביז מען זעהט אים ערוואקסן, ביז מען זעהט אז מען קען אים חתונה מאכן, און וויפיל געלט דאס קאסט אפ, און וויפיל צער און עגמת נפש, צער גידול בנים, האבן עלטערן ביז מען זעהט אז די קינדער זענען אנגעקומען. הכרת הטוב!**

**מכיר טובה זיין פאר די עלטערן וואס זיי האבן געטון! כבד את אביך ואת אמך.**

**איך זאג עס יעצט, מען פארט דאך אהיים, מען וועט האבן יעצט א חודש פון כבד את אביך ואת אמך, מען דארף מכבד זיין די עלטערן. א גאנץ יאר קומט דאך כמעט נישט אויס אז מען טרעפט זיך, אבער יעצט וועט מען זיך טרעפן טאג טעגליך, מען דארף מכבד זיין דעם טאטען, און מען דארף מכבד זיין די מאמע, מען דארף זיך אויפשטעלן פאר א טאטע און א מאמע, ווען זיי קומען אריין אין שטוב, אזוי איז די מצוה אין די תורה. נישט זאגן א ווארט אקעגן די עלטערן, מקבל זיין וואס די עלטערן זאגן. אפילו זרק ארנקי לים, אפילו ער האט גענומען דיין בייטל געלט און ארייגעווארפן אין ים, טאר מען נישט צוריק ענטפערן פאר טאטע מאמע.**

**איך** האב היינט געטראכט אזוי, מען זעהט די י"א ארורים וואס דער אייבערשטער האט געהייסן זאגן ווען מען קומט אריין קיין ארץ ישראל, און איינס פון דעם איז ארור מקלה אביו ואמו, **איינער וואס איז מזלזל אין טאטע מאמע, איז דא א ארור אויף אים. מען רעדט נישט אז ער האט געשלאגן טאטע מאמע, מען רעדט נישט אז ער האט מצער געווען טאטע מאמע, נאר מקלה, ער איז מזלזל, ער שעצט זיי נישט, טאטע מאמע זענען ביי אים אזוי ווי אנדערע מענטשן, ער איז זיי נישט מחשיב, איז דא אויף דעם א ארור מקלה אביו ואמו. עס קען זיין אז דער טאטע איז טאקע נישט אזוי גרויס אז מען זאל אים דארפן אזוי שעצן, אבער וואו איז דיין הכרת הטוב, ווער האט דיר געהאלפן אז דו ביסט דא אויף דער וועלט, ווער האט דיר אלעס געגעבן אז דו ביסט אויסגעוואקסן אזוי ווי דו ביסט, דו דארפסט מחשיב זיין דיינע עלטערן.** די תורה האט געגעבן א ארור מקלה אביו ואמו, איינער וואס איז מזלזל אין טאטע מאמע זאל זיין געשאלטן.

**די** נקודה דערפון איז, לאמיר זאגען אז עס קומט א ארור פאר מקלה אביו ואמו, אבער ווען מען קוקט אריין אין חומש זעהט מען, וואו איז אויסגערעכענט די ארור מקלה אביו ואמו. מען רעכענט אויס עלעף זאכן וואס מען טאר נישט טון, די הארבסטע עבירות זענען דארט אויסגערעכענט. די ערשטע זאך איז, איינער וואס מאכט א פסל, ער מאכט א עבודה זרה, איז ער ארור. די צווייטע זאך נאך עבודה זרה איז ארור מקלה אביו ואמו, און נאכדעם קומען די אנדערע עבירות וואס איז אסאך הארבער פון כיבוד אב. און ארור מקלה אביו ואמו האט די תורה געשטעלט די צווייטע זאך, נאך עבודה זרה קומט ארור מקלה אביו ואמו, ווען א מענטש טוט גרינגשעצן די עלטערן. פארוואס איז דאס אזוי הארב, אז מען האט עס מקדים געווען. ווייל ווען א מענטש איז נישט מכיר טובה פאר די עלטערן, פעלט אים אין הכרת הטוב. און אז ער האט נישט קיין הכרת הטוב, האט ער נישט קיין הכרת הטוב פארן אייבערשטען אויך נישט, ווייל אז מען האט נישט אין זיך די מדה פון מכיר טובה זיין ווען מען האט עפעס באקומען, איז ער נישט דאנקבאר פארן אייבערשטען.

**עס** שטייט אין מדרש (שמו"ר א-ט) אויף פרעה, אשר לא ידע את יוסף, ער האט נישט געקענט יוסף. זאגט דער מדרש, היום אומר אשר לא ידע את יוסף, ולמחר אומר לא ידעתי את ה'. היינט זאגט ער איך קען נישט יוסף, מארגן זאגט ער לא ידעתי את ה'. טייטשן די מפרשים, פרעה האט געדארפט מכיר טובה זיין פאר יוסף, יוסף האט אויפגעבויט גאנץ מצרים, בשנות הרעב וואלט מצרים צוגרינד געגאנגען. ווער האט געראטעוועט גאנץ מצרים? יוסף! יוסף האט ארויפגעברענגט אז מצרים איז געשטאנען ברומו של עולם. דאס איז דער שכר וואס מען טוט צוריק פאר יוסף, אז יוסף'ס קינדער דארפן זיין עבדים אין מצרים? אשר לא ידע את יוסף, ער האט נישט געהאט קיין הכרת הטוב, ער איז געווען א כפוי טובה. האט יוסף געטון, ער האט שוין לאנג פארגעסן דעם גוטס וואס יוסף האט געטון, און עס קומט אים יעצט בעסער אויס ער זאל נעמען יודען פאר עבדים, האט ער גענומען יודען פאר עבדים. זאגט דער מדרש, היום אומר אשר לא ידע את יוסף, היינט האט ער נישט קיין הכרת הטוב פאר יוסף, למחר אומר לא ידעתי את ה', מארגען וועט ער אויך נישט האבן קיין הכרת הטוב פארן אייבערשטען.

**ווען** איינער איז מקלה אביו ואמו, ער איז מזלזל אין עלטערן, ער האט נישט קיין הכרת הטוב פאר די עלטערן, וועט דער סוף ברענגען אז ער וועט נישט מכיר טוב זיין פארן אייבערשטען, עס גייט אריין אין גדר פון עבודה זרה. נאכדעם וואס עס איז דא א

ארור ווען איינער מאכט א פסל, נאכדעם קומט ארור מקלה אביו ואמו, ווייל דער זלזל אביו ואמו איז די נקודה דערפון, אז דו האסט נישט די מדה פון הכרת הטוב. און אז מען האט נישט קיין הכרת הטוב, האט מען נאכדעם נישט קיין הכרת הטוב פארן אייבערשטען אויך נישט, וועט עס צוברענגען דערצו ער זאל זיין אפגעריסן פונעם באשעפער.

**ווען** א יוד האט באמת הכרת הטוב פארן אייבערשטען, ער ווייסט אז אלעס וואס ער האט, האט ער באקומען פונעם אייבערשטען. וואס קען איך צוריק באצאלן, **מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי, וואס קען איך צוריק באצאלן פארן אייבערשטען, איך וויל נאר פאלגען וואס דער אייבערשטער זאגט, איך בין נישט עובר אויף קיין עבירות. אפילו ער האט א נסיון, היט ער זיך און ער איז נישט עובר, ער גייט נישט מצער זיין, טון אנדערש, ממרה זיין די ווערטער פונעם אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער טוט מיט מיר אזויפיל גוטס.** - דאס איז די מדה וואס ביכורים לערנט אונז, די מדה פון הכרת הטוב, אז מען דארף שטענדיג צוריק גיין געדענקען אלע חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיטן מענטש, פון ארמי אובד אבי ביז מען איז אנגעקומען אהער, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען דערויף.

*

**ווען** מען שטייט אויף צופרי, דאנקט מען דעם אייבערשטען אז דער באשעפער האט צוריק געגעבן די נשמה, איך לעב, מען איז אויפגעשטאנען, המעביר שינה מעיני ותנומה מעפעפי, דער באשעפער האט אוועקגענומען די שלאף פון מיינע אויגן. בדרך כלל וואלט א מענטש זיך באגענוגנט מיט איין הודאה, איך דאנק דעם אייבערשטען, איך האב געלעבט ביז יעצט, און דער באשעפער האט מיך געקענט אוועקנעמען פון די וועלט, און ער האט מיר צוריקגעגעבן די נשמה. ווען מען הייבט אן דאס דאווענען, איז דא פופצען ברכות אויף אויפשטיין צופרי! געלויבט איז דער אייבערשטער שלא עשני גוי, שלא עשני עבד, שלא עשני אשה, פוקח עורים, איך קען זעהן. מתיר אסורים, איך קען מיך רירן, איך בין נישט איינגעבינדן. זוקף כפופים, רוקע הארץ על המים, איך קען אראפטרעטן פונעם בעט. שעשה לי כל צרכי, דער באשעפער האט מיר געגעבן שיך. עוטר ישראל בתפארה, ער האט מיר געגעבן א קאפל און א הוט אנצוטון, און אזוי ווייטער אלע ברכות. **עס איז נישט גענוג א הודאה וואס מען גיט דעם אייבערשטען אויף א כלליות'דיגע טובה, אלעס איז געווען זייער וואויל און פיין, א יישר כח. נישט דאס איז דער וועג פון הודאה. הודאה דארף א מענטש צוטיילן די הודאה. אויף יעדען חסד, אויף יעדע טובה וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש, דארף מען עקסטער דאנקן דעם אייבערשטען דערויף. ווען דו שטייסט אויף צופרי, רעכענט מען אויס פופצען חסדים וואס דער באשעפער האט געטון מיטן מענטש. איך דאנק פאר יעדן איינעם עקסטער, איך דאנק פארן רבונו של עולם אז איך קען זעהן, איך קען מיך רירן די האנט, איך קען רירן די פיס, און איך קען שטיין אויף די פיס, און אזוי ווייטער, איך האב וואס אנצוטון א הוט, א רעקל, שיך, אלעס וואס איך דארף צו האבן, האט מיר דער אייבערשטער געגעבן.** דאס איז די מדה פון הכרת הטוב, נישט צו דאנקען דעם אייבערשטן בכלליות אויף אלעם, נאר אויף יעדע קלייניגקייט וואס דו האסט באקומען, דאנק דעם רבונו של עולם. און אפילו מען באקומט נאר א קלייניגקייט פונעם אייבערשטען, איך האב נישט אלעס, דארף מען אויך דאנקען דעם באשעפער, ווייל עס וואלט געקענט זיין אז דאס וואלסטו אויך נישט געדארפט באקומען, און דער באשעפער האט דיר דאס געגעבן.

**ווען** מען ברענגט ביכורים, אפילו מען ברענגט נאר איין פרי. דער אייבערשטער זאגט, ברענג עס פאר ביכורים, דאנק דערמיט דעם אייבערשטען, ווייז אז איך דארף נישט דאנקען דעם אייבערשטען נאר ווען דער באשעפער גיט מיר א גרויסע זאך, דעמאלטס דארף איך דאנקען דעם באשעפער בכלליות פאר די פירות וואס ער האט מיר געגעבן, נאר צו ווייזן, אז פאר יעדע פרי אליין, דארף מען דאנקען דעם באשעפער. אפילו ווען ער האט נאר איין פרי אליין, דארף מען אויך האבן הכרת הטוב פארן באשעפער. און דאס איז די מצוה פון ביכורים, א מענטש זאל לעבן שטענדיג מיט הכרת הטוב.

*

**עס גייט אדורך א יאר, און בפרט היי יאר וואס דאס יאר איז געווען א שווער יאר פאר אונז אלע, און גאנץ כלל ישראל איז דאך אפגערעדט, וויפיל זענען אוועק**

נעבעך פון די וועלט במשך פונעם יאר. אז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מען איז אליינס געזונט, און טאטע מאמע זענען געזונט, מען האפט צוריקצוקומען צו א שטוב ווי די עלטערן זענען דא, וויפיל דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען דערויף. וויפיל דארף מען דאנקן דעם אייבערשטן שלא עשנו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות האדמה, איך בין געזעסן א גאנץ יאר אין בית המדרש, איך האב געלערנט, איך בין געשטיגן, איך בין אויסגעוואקסן, איך האב זיך נישט אויפגעפירט ווי א גוי פירט זיך אויף, איך האב קונה געווען אזויפיל תורה ומצוות אין דעם יאר, וואו איז דער דאנק פארן רבונו של עולם? חסד ה'. מען דארף דאנקען, עס קומט נישט פון זיך אליין. אמאל דאכט זיך נאך פארן מענטש, אפשר דארף דער רבונו של עולם זאגן פאר מיר א יישר כח אז איך האב זיך אויפגעפירט ערליך. דער רבונו של עולם דארף דיר געבן א יישר כח? וויפיל האט דער אייבערשטער דיר געגעבן אז דו לעבסט אינגאנצען אויף די וועלט, וויפיל דארפסטו האבן הכרת הטוב פארן באשעפער, וואס דער באשעפער האט דיר געגעבן אלעס וואס דו האסט.

**אז** עס גייט אדורך א יאר, דארף א יוד דאנקען דעם אייבערשטען, ב"ה איך בין געזונט, און די משפחה איז געזונט, און איך האב געקענט זיצן און לערנען. יעדער ווייסט וויפיל בחורים וואס פלעגן אוועקגעפארן אויף ארץ ישראל, האבן אנגעברענגט א גאנצן זמן. נישט געהאט קיין מסגרת פון א ישיבה, זיי האבן נישט געהאט וואו זיך צו דרייען, און בטלה מביאה לידי שיעמום (כתובות נט:), יעדער ווייסט אז די קורצע צייט וואס עס איז נישט געווען קיין ישיבה דאס יאר, וואס פארא ירידות עס האט געקענט זיין ביי א בחור. איז דאך א כל שכן ווען מען רעדט יעצט פון א גאנצן זומער וואס עס איז אדורכגעגאנגען. און מיר דאנקען דעם רבונו של עולם, אז דער באשעפער האט אונז געגעבן די מעגליכקייט, אז מען קען זיצן דא אינדרויסן אין דעם קעמפ, נישט נאר אזויפיל ווי מען זיצט א אנדערס מאל, נאר דער באשעפער האט געגעבן נאך א חסד, נאך צוויי וואכן וואס מיר האבן געהאט דא וואס מיר זענען געווען אין קעמפ, ממש ביז צו די הייליגע טעג, מען זאל אריינגיין אין די הייליגע טעג מיט א אלול'דיגע עבודה. עס קומט זיך א שבח והודאה, דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם חסד וואס דער באשעפער האט געטון מיט אונז.

**עס** איז א הודאה פארן אייבערשטען, און עס איז דא א הודאה און א הכרת הטוב פאר די ישיבה, די ישיבה האט צוגעשטעלט אלעס, אז מען זאל דאס קענען האבן. עס איז נישט אנגעקומען גרינג, עס איז געווען אסאך שוועריקייטן דערין, אז מען זאל קענען ממשיך זיין. און אויף אלעם איז א יוד מחויב צו דאנקען, האבן אן הכרת הטוב. עס קומט דער סוף פונעם יאר, דאנקען דעם אייבערשטן, אויף אלעם וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן. ווען מען לעבט מיט א אמת'דיגע הכרת הטוב, פירט זיך א מענטש אויף אנדערש, מען איז נישט קיין כפוי טובה פארן אייבערשטען, ער דאנקט דעם אייבערשטען וואס דער באשעפער האט אים געגעבן, איך גיי זיך אויפפירן אזוי ווי עס פאסט זיך אויפצופירן פאר איינעם וואס איך בין אים מכיר טוב. ווען א מענטש איז נישט געווען געזונט, און איינער קומט און היילט אים אויס, וויפיל הכרת הטוב האט ער פאר יענעם, וויפיל דאנקט ער פאר יענעם, ער וועט נישט גיין טון אנדערש ווי יענעם'ס רצון, און ער וועט נישט גיין יענעם טון א זאך וואס עס וועט זיין פאר יענעם א צער. דער רבונו של עולם האט אונז נישט געדארפט אויסהיילן, ער האט אונז געגעבן געזונט, ער האט אונז גארנישט קראנק געמאכט אפילו, און אז מען האט געקענט אלעס אדורכגיין, דארף מען דאנקן דעם אייבערשטען.

*

**מען** גייט אריין אין די שטאט אריין, יעדער האט זיך דאך זיינע נסיונות, פיר וואכן וואס עס איז נישט דא קיין מסגרת פון קיין ישיבה, פון דעסטוועגן דאך, פון באשעפער קען מען נישט אנטלויפן, דער באשעפער איז איבעראל. עס איז א שאד אז מען זאל קאליע מאכן דעם שיינעם זמן וואס מען האט געהאט. דער בין הזמנים זאל שוואכער ווערן, מען דארף זיך גרייטן און רישן, עס איז דא נסיונות ווען מען קומט אריין אין די שטאט, אזוי האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט, און אונזער עבודה איז, זיך צו פירן ערליך, נישט נאכצולאזן קיין קוצו של יוד פון תורה הק', און זיך אויפפירן אזוי ווי עס פאסט זיך.

**עס** איז חודש תשרי, א חודש פון תפלה, מיר גייען אריין גראד אין סליחות, די ימי הסליחות זענען דאך די הכנה צו די הייליגע טעג, כדי מען זאל זיך קענען אויסבעטן פונעם אייבערשטען וואס מען דארף

האבן. די ימי הרחמים והסליחות דארפן זיין טעג פון תפלה, זיך אפזונדערן פון אלעם ארום זיך, נאר זיך מתבונן זיין אין גדלות הבורא, אין גרויסקייט פונעם אייבערשטען, ממליך זיין דעם אייבערשטען אויף זיך און אויף די גאנצע וועלט, זיך צו פירן נאר אין די וועגן פונעם אייבערשטען. און כדי אז מען זאל קענען צוקומען צו דעם, קען מען נישט אריינקומען אין א ראש השנה ווען מען איז פארשמירט פון פארדעם. ווען מען גרייט זיך צו צום ראש השנה, ווען מען האט א שיינעם חודש אלול, א ערליכען חודש אלול, דעמאלטס לייכט שפעטער דעם יום טוב. לדוד ה' אורי (תהלים כז-א) זו ראש השנה (ויק"ר כא-ג). ראש השנה איז אורי, עס קומט אראפ א געוואלדיגע ליכטיגקייט ווען מען איז זוכה אז מען זאל עס קענען משיג זיין. דאס איז אונזער הכנה זיך צוצוגרייטן דערצו, וועט מען קענען זוכה זיין דערצו. **מיר געבן אפ ברבים א דאנק פארן רבונו של עולם, מיר זענען מכיר טובה פאר אלע חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז א גאנץ יאר. דער אייבערשטער האט אונז געטון בפרטיות אין משך פון דעם זומער, מיט דעם הכרת הטוב זענען מיר מקבל אויף זיך צו גיין בדרכי התורה, זיך צו פירן ווי עס דארף צו זיין.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. מען זאל שטענדיג האבן פאר זיך די מדה פון הכרת הטוב, ווי מען האט פריער גערעדט די צוויי נקודות, מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען אויף יעדע קליינגקייט עקסטער, נישט נאר אין כלליות מכיר טובה זיין. און מכיר טוב זיין נישט נאר אויף די חסדים פון דעם יאר, ב"ה אז מען זיצט באהלה של תורה, נישט יעדער איז זוכה דערצו, **דאנקען דעם אייבערשטען, דער באשעפער האט מיר געגעבן די זכיה אז איך קען זיצן אין א ערליכע מקום תורה, דער באשעפער גיט מיר די כשרונות צו קענען פארשטיין לערנען, איך זאל קענען מסיים זיין נאך א מסכתא און נאך א מסכתא, אויף אלעם איז מען מחויב צו דאנקען דעם אייבערשטען.**

**מיט** די כוחות גייט מען אריין אין שטאט, און מען גרייט זיך צו, צו די הייליגע טעג, דער באשעפער זאל מקבל זיין אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון. מען לייגט דאך די תוכחה די פרשה, עס שטייט אין די גמרא (מגילה לא:) אז דער טעם דערפון איז, תכלה שנה וקללותיה, אזוי ווי דאס איז די לעצטע פרשה פון פאר די הייליגע טעג, כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין, מען גייט שוין אריין צו דעם קומענדיגען ראש השנה. דאס איז די עבודה פון אונז אין די צייט. ווען מען גרייט זיך צו דערצו, קען מען דינען דעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין.

**תכלה** שנה וקללותיה תחל שנה וברכותיה, מיט דעם וואס מען האט געליינט די פרשה, ונשלמה פרים שפתותינו, אויב עס איז געווען באשערט א קללה וואס עס דארף קומען, האט מען עס יוצא געווען מיט דעם וואס מען האט געליינט די פרשה, וואס אלע סארט קללות איז דאך אויסגערעכענט דא אין די פרשה. עס זאל זיין תחל שנה וברכותיה, מען זאל האבן א פריילך און א לוסטיג יאר, מען זאל קענען זיצן באהלה של תורה. מקבל זיין ווייטער פלייסיג צו לערנען, און אויסנוצן די בין הזמנים אויף תורה און עבודת ה'. עס איז אזעלכע שיינע טעג די ימים טובים פאר זיך אליין, ראש השנה און יום הקדוש, און ווער רעדט נאך ווען עס קומט שפעטער די הייליגע יום טוב פון סוכות און שמחת תורה, וואס גיט דער כח אויפן גאנצען יאר שפעטער. די חודש ווערט דאך אנגערופן 'תקופת השנה', די שטארקייט פונעם יאר האט א מענטש פון חודש תשרי. מען רופט עס 'ירח האתנים', אתנים במצוות, מען זאל זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה ביחד עם תלמידי הישיבה גדולה. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים (מתוך הספר שיח זקנים ח"י). בברכת המזון נתכבד הר"ר **קלמן יואל סופר** הי"ו.

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

פעם היה **הרה"ק מבארדיטשוב זצ"ל** ביחד עם **הרה"ק רבי ברוך ממעזבוז זצ"ל**, ובעת אמירת כתר הרעיש הרה"ק מבארדיטשוב מאד, ואחר כך שאל אותו הרה"ק רבי ברוך, וואס האט איר אזוי מרעיש עולמות געווען. אמר לו הרה"ק מבארדיטשוב, האם לא ראיתם, הלא כל הפמליא של מעלה היה כאן. אמר לו הרה"ק רבי ברוך,

מען קען דאך עס מאכן שטיל. אמר לו הרה"ק מבארדיטשוב, דאס קענט איר.

**וביאר רבינו:** עס איז דא צוויי ערליי עבודות ביי צדיקים. עס איז געווען אזעלכע צדיקים וואס זענען געווען מלא התפעלות, יעדע זאך איז געווען מיט א פלאם פייער. און עס איז געווען צדיקים וואס האבן פראבירט עס איינצוהאלטן אין זיך, און זיי האבן עס נישט ארויסגעגעבן. דער הייליגער בארדיטשובער רב איז געווען א פלאם פייער, יעדע זאך וואס ער האט געטון, איז געווען מיט א געוואלדיגע קאך. און דער רבי ר' ברוך'ל איז געווען איינגעהאלטן. נישט ווייל דער בארדיטשוב'ער רב האט געזעהן די פמליא של מעלה, און דער רבי ר' ברוך'ל האט נישט געזעהן, וועגן דעם איז ער געווען מער צופלאמט פון דעם רבי ר' ברוך'ל.ביידע האבן געזעהן די זעלבע זאך, נאר עס איז דא צוויי ערליי סארט עבודות ווי אזוי מען נעמט עס אויף. דער הייליגער בארדיטשובער רב איז געווען זיין עבודה מיט א געוואלדיגע התפעלות ביי יעדע זאך. ווען ער האט געזאגט כתר, און די פמליא של מעלה איז דא געווען, האט ער נישט געקענט איינרוען.

*

**הרה"ק רבי נח מלעכוויטש זצ"ל** אמר, עס איז שווער צו דערמאנען די נעמען פון אונזערע צדיקים, ווי גרויס זיי זענען געווען, אבער שטארק זענען מיר, אונז זאג מיר יהא שמיה רבה.

**והעיר רבינו:** דאס איז א פסוק (קהלת ט-ד), און עס איז אויך צוגעברענגט אין די גמרא (שבת ל:), כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. א לייב איז זייער גרויס, אבער א טויטע לייב מיט א לעבעדיגער הונט, איז דער לעבעדיגער הונט חשובער פון דעם טויטן לייב. זיי זענען טאקע געווען לייבן, אבער עס איז אריה המת. מיר זענען טאקע כלבים, אבער מיר זענען כלבים חיים, מיר לעבן, און מיר קענען זאגען אמן יהא שמיה רבא, האבן מיר מער חשיבות פון זיי.

*

כשהיה **הרה"ק מהריי"ץ מליובאוויטש זצ"ל** בימי השבעה אחר אמו ע"ה, בא **הרה"ק מבאיאן זצ"ל** לנחם, וסיפר אז הרבי מליובאוויטש להרבי מבאיאן, שאמו הרבנית כתבה ארבעה צוואות, וצוואה האחרונה כתבה מאד בשמחה.

**והעיר רבינו:** פאר א פרוי צו שרייבען א צוואה בשמחה איז נישט אזוי שווער. א מאן וואס דארף זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, מי יאמר יצאתי ידי חובתי, ער האט מיט וואס אוועקצוגיין פון דער וועלט. אבער א יודענע דארף דאך נאר זעהן צו ברענגען קינדער אויף די וועלט, און צו ערציען די קינדער. און אז זי האט ערצויגען א קינד ווי רבי יוסף יצחק, דער ליובאוויטשער רבי, איז זי געווען בשמחה, זי האט אפגעטון וואס זי האט געדארפט צו טון, האט זי געקענט שרייבען איר צוואה בשמחה.

*

**הרה"ק בעל אמרי נועם זצ"ל** נכנס פעם בלילה לבית המדרש וראה אנשים יושבים ומשוחחים, שאל ממה מדברים. וענו, שמדברים **מהמגיד מקאזניץ זצ"ל**. אמר הרה"ק האמרי נועם, כשמדברים מהמגיד מקאזניץ צריכים להדליק כל הנרות, וחזר לביתו. אחר זמן נכנס עוד הפעם ואמר, דער קאזניצער מגיד איז געווען א מלאך, וחזר לביתו. עבר זמן מה, יצא עוד הפעם ואמר, מה אמרתי שהמגיד מקאזניץ היה מלאך, היה גדול ממלאך, היה שרף, וחזר לביתו. אחר קצת זמן יצא עוד הפעם ואמר, מה אמרתי שהמגיד מקאזניץ היה שרף, הרי היה גדול משרף, היה מה שאין הפה יכול לדבר ואין האוזן יכול לשמוע.

**והוסיף רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** שרייבט אין זיין ספר (**דרשות לחם שלמה** דרוש מט), אז ווען דער הייליגער **בארדיטשוב'ער רב** איז געווען אויף דער וועלט, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר די מלאכים, אז זיי מעגן זיך לערנען ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטען פון דעם בארדיטשוב'ער רב. מלאכים קענען זיך אויך לערנען פון א בשר ודם. זיי האבן דאך נישט קיין יצר הרע, איז פאר זיי גרינג צו דינען דעם אייבערשטען. אז מען זעהט ווי א בשר ודם דינט דעם אייבערשטען, קען מען זיך אראפלערנען ווי אזוי מען דארף דינען דעם אייבערשטען.

# **פרשת נצבים וילך י"ז - כ"ג אלול תש"פ לפ"ק**

***יום ראשון פרשת נצבים וילך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג לסידור קידושין אצל החופה של החתן **מנחם** ני"ו בן הר"ר **אברהם פאלקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהושע אשר נאה** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **יעקב יוסף וויינגארטען** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת אסתר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת השבע ברכות של בת הר"ר **משה אהרן פישער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ישראל לוריא** ע"ה, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לההתונה של החתן **מנחם פאלקאוויטש** ני"ו, ורקד עם החתן לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת נצבים וילך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **יעקב יוסף וויינגארטען** שליט"א. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נכנסו אברכי הכולל דקהלתנו הק' בבארא פארק (בהנהלת **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א**, דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג) להבחן על ההלכות בשו"ע יו"ד ח"א.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **אברהם יעקב פריינד** ע"ה, עב"ג בן הר"ר **מרדכי פייג** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

*

***יום שלישי פרשת נצבים וילך***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **יוסף** ני"ו בן הר"ר **יוחנן שור** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אליעזר דוד נאגעל** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** במעמד שחיטת כבש, שהתקיים לתלמידי ישיבה גדולה. **רבינו שליט"א** בדק החלף, והתבונן בכל סדר השחיטה והבדיקה.

*

***יום רביעי פרשת נצבים וילך***

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי הישיבה גדולה אצל **רבינו שליט"א** להיבחן על פרקי מסכת כתובות שלמדו בשבועות האחרונים בקעמפ.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לתלמידי הישיבה גדולה, לרגל סיום זמן הקיץ. הרב **אלימלך שפיטצער** שליט"א (מנהל הישיבה) פתח את המסיבה, וחילק מתנות להבחורים שלמדו בהתמדה שעות רצופות בשבועות האחרונים. אחר כך סיים הבחור **שלמה יצחק טובל** ני"ו מסכת תענית. אחר הקדיש והריקודין השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** האט פריער געזינגען, עוז והדר לבושה ותשחק ליום אחרון (משלי לא-כה). ווען מען גייט אוועק פונעם קעמפ, דער יום אחרון, זאגט מען עוז והדר לבושה. די תורה הק' האט אין זיך צוויי לבושים, יעדע מצוה וואס א יוד טוט, מאכט ער א לבוש פאר די נשמה, חלוקא דרבנן וטלית נאה לעולם הבא בגן עדן. יעדע מצוה וואס א יוד טוט איז א לבוש פאר א מענטש. די לבוש פון תורה איז הדר, די הערליכסטע לבוש וואס איז שייך. תורה הק' איז מעדן דעם מענטש, עס טוט אים אויסאיידלען, תורה לאזט איבער א ליכטיגקייט אויפן פנים, חכמת אדם תאיר פניו (קהלת ח-א). עס שטייט אין מדרש (קה"ר שם) אז פאר רבי יהודה בן אילעי האט געלאכטען די פנים, און א גוי האט אים געזאגט, די פנים לייכט דיר אזוי שטארק, מן הסתם האנדלסטו מיט חזירים, עס איז געווען א גוטע געשעפט. האט ער אים געזאגט, תיפח רוחיה, די זאכען זענען ביי אונז אסור. חכמת אדם תאיר פניו, די תורה וואס איך לערן, דאס מאכט מיך ליכטיג. קומט אויס אז די לבוש פון תורה איז הדר, עס טוט באשיינען דעם מענטש.

**תורה** האט נאך א לבוש, עוז. די גמרא (קידושין ל:) זאגט, יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, ואלמלא

הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו, עס איז דא וואס דער יצר הרע איז זיך מתגבר אויפן מענטש, און דעם מענטשנ'ס עבודה איז, עוז, ער דארף זיך מתגבר זיין אויף דעם יצר הרע וואס איז זיך מתגבר אויף אים. אזוי שטייט אין חז"ל (שם) אז תורה איז די איינציגסטע וועג ווי אזוי מען קען באזיגען דעם יצר הרע, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, תורה דאס איז דער תבלין אקעגן דעם יצר הרע. אז מען זאל האבן דעם כח מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע, דארף מען האבן תורה הק'. עוז והדר לבושה, די לבוש פון תורה איז צוויי זאכען, עס גיט פאר א מענטש 'עוז', עס גיט אים שטארקייט, ער זאל האבן כח זיך מתגבר צו זיין אויפן יצר הרע. און דאס גיט א 'הדר', די לבוש פון תורה איז א שיינקיט.

**די** ראשי תיבות פון ע'וז ו'הדר ל'בושה, איז 'עול'. אן א עול קען מען נישט צוקומען צו גארנישט. ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך געוויסע גדרים וסייגים, ער נעמט אויף זיך עול תורה, נישט ווען איך וועל האבן צייט וועל איך לערנען, נאר עס איז ביי מיר א עול וואס איך דארף די זאך משלים זיין, און דאס איז זיין סדר היום, דעמאלטס קומט ער צו, אז עס זאל קענען זיין עוז והדר לבושה.

*

**ותשחק** ליום אחרון, עס איז דא א שמייכעל אויף יעדענס פנים אין דעם יום האחרון, מען איז געווען דעם זומער צוזאמען, און מען האט ב"ה געהאט אזא שיינעם זומער. **איך בין שוין אסאך יארן דא אין קעמפ, איך קען זאגן אז כמעט אזא שיינעם זומער וואס מיר האבן געהאט דאס יאר, האב איך נאכנישט בייגעוואוינט אינעם קעמפ.** זעהט איס, אז עס לפום צערא אגרא (אבות ה-כז), דער באשעפער האט באצאלט לפום צערא, וויפיל שוועריקייטן עס איז געווען ביז מען האט געקענט עפענען דעם קעמפ, וויפיל מסירת נפש עס איז געלעגן דערין, אז מען זאל עס קענען עפענען, האט דער אייבערשטער באצאלט דעם שכר דערויף. און ותשחק ליום אחרון, ביי יעדן בחור דארף עס זיין א שמחה, דאנקען דעם אייבערשטען אז מען איז אדורכגעגאנגען א יאר, מען איז געזעסן און געלערנט אזא שיינע מסכת כתובות, א ש"ס קטן, א קליינער ש"ס, האט מען אדורכגעלערנט אין דעם יאר. און ב"ה רובא דרובא בחורים פארהערן זיך, די גאנצע מסכתא, די האלבע מסכתא, למחצה לשליש ולרביע, יעדער איינער לויט וויפיל ער קומט אן. ותשחק ליום אחרון, עס דארף זיין א שמחה.

*

**און אזוי ווי מען איז מחוייב אין הכרת הטוב, בין איך מחוייב אין הכרת הטוב פאר די בחורים, וואס האבן מיר צוגעשטעלט זייער א שיינעם זומער. די התנהגות ווי אזוי די בחורים האבן זיך אויפגעפירט דעם זומער, איז געווען למעלה מן המשוער. מיטגעהאלטן אלע סדרים, מען האט נישט געדארפט טרייבען, מען איז געזעסן אין בית המדרש נישט נאר בזמן הלימוד, נאר אפילו שלא בזמן הלימוד, ביינאכט, פארטאגס, פרייטאג, שבת, מוצאי שבת, ווען עס איז געווען א געלעגענהייט אז מען האט געקענט זיצען און לערנען, איז געווען א קול תורה אין בית המדרש. און איך האב הכרת הטוב, איך דאנק ענק אז מען האט מיר געגעבן אזא געלעגענהייט צו זיין דעם זומער צוזאמען.**

**מען** פארט אריין אין די שטאט, און מען דארף האבען עוז, מען דארף האבן כוחות מען זאל זיך קענען מתגבר זיין. נאך די דזשארדז"ש וואשינגטאן ברידז"ש שטייט דער יצר הרע, און ערווארט שוין אפ, [אפשר פאר דעם אויך, אבער דארט שטייט ער זיכער, און ערווארט] אז דער באס זאל אנקומען, און ער צוטיילט זיין ארבעט פאר יעדן איינעם. **מען דארף אריינקומען אין שטאט מיט א פארטיגען סדר, וואס גיי איך טון פון מארגען אן, ווי אזוי גייט זיין מיין סדר היום, מיט וועם גיי איך לערנען, וואו גיי איך זיצען איבערן טאג, מיט וואס גיי איך אנפילען דעם טאג. ב"ה מען האט געמאכט דעם 'ישיבת בין הזמנים', וואס מען קען זיך צוזאמקומען און לערנען בחברותא צוזאמען. ווער עס קען זיך צוזאמקומען איז אוודאי חשוב. ווער עס קען נישט, וועגן וואס פאר א סיבה עס זאל זיין, זאל זיך נעמען א חברותא צופרי און ביינאכט, צו לערנען. די וואס וואוינען אויסער די שטאט, וואס עס איז שווער מיט א חברותא, זאל מען נוצן דעם טעלעפאון אז מען דארף צו לערנען מיט א חבר.** אויסנוצען די צייט צו שטייגען אין תורה און יראת שמים.

**און** איך זעה אויף די וואנט צוויי צעטלעך פון 'לגדור ולשמור', **עס איז א געוואלדיגע זכות פאר יעדן בחור**

**וואס נעמט אויף זיך א גדר, א עול. דער גרעסטער נסיון היינט אינעם דור איז זיך משתמש צו זיין מיט אינטערנע"ט, סמארטפאו"ן, און די אלע זאכען וואס זענען פארבינדען דערמיט. ווען א מענטש ווייסט אז דאס באלאנגט נישט פאר מיר, צו דעם ריר איך נישט צו, מיט דעם האב איך נישט א שייכות, האט ער פאר זיך געמאכט דעם גרעסטן גדר וואס ער קען צוקומען דערצו, אז ער זאל נישט נכשל ווערן.**

*

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם (דברים כט-ט), דאס גייט ארויף אויף ראש השנה. וואו עס שטייט היום סתם, איז עס ראש השנה (זוה"ק ח"ג רלא.). ווען עס קומט ראש השנה איז אתם נצבים היום, שטייט יעדער איינער לפני ה' אלקיכם, כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון (ראש השנה טז.). יעדער יוד גייט אדורך ראש השנה, און מען איז דן ווי אזוי די יאר איז געווען, און ווי אזוי עס זאל זיין דער קומענדיגער יאר. מען רעדט צו בחורים וואס דארפן שידוכים, יעצט איז מען דן אלעס אויפן קומענדיגען יאר ווי אזוי עס וועט זיין. ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם כל איש ישראל, מקטן ועד גדול גייט יעדער איינער אדורך דעם יום הדין. און צוצוקומען צו דעם, דארף מען זיך צוגרייטען, תשובה תפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה. תשובה, כפשוטו, חרטה על העבר וקבלה על להבא, יעדער ווייסט זיינע שוואכקייטן, אויף וואס ער דארף חרטה האבן, און וואס ער דארף זיך מקבל זיין אויף שפעטער.

**תפלה.** מען איז מרבה בתפלה, פון זונטאג אן שטייט מען אויף צו סליחות, און מען איז מרבה בתפלה ביז יום הקדוש, יעדן טאג. **תפלה דארף זיין בזמן תפלה, מען דארף דאווענען באצייטענס. סליחות איז נישט געמאכט צו זאגן ניין אזייגער אינדערפרי, סליחות איז דער טייטש שחר קמתי להודות, באשמורת הבוקר, מען זאל אויפשטיין נאך מבעוד לילה זאגען סליחות. און אזוי איז אלץ געווען מנהג ישראל אז מען איז אויפגעשטאנען צופרי, און בחורים זענען נישט אנדערש, און מען דארף אויפשטיין צופרי צו סליחות.** אז מען איז מיד, לייגט מען זיך צוריק נאכמיטאג שלאפן, עס איז נישט קיין עוולה. מען שטייט אויף צופרי דאווענען געהעריג, און אנהייבען א סדר היום ווי עס דארף צו זיין. דאס איז תפלה.

**צדקה.** מען קען נישט פארלאנגען קיין צדקה פון בחורים, זיי האבן נישט וואס צו געבן, אבער **על כל פנים איין מאל אין משך פונעם בין הזמנים זאל יעדע בחור ארומגיין נאך געלט צופרי.** עס איז גענוג גרויס דער גאנצער חודש, עוסק צו זיין אין צדקה, און תשובה תפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז אתם נצבים היום כולכם, איז די סופי תיבות פיר מ"ם'ס. אין שלחן ערוך (או"ח סימן תקפ"א) שטייט, אז סליחות זאגט מען אלץ וויינינגסטענס פיר טעג פאר ראש השנה. פיר טאג מוז זיין צו סליחות. טאמער עס איז דא ווייניגער פון פיר טאג פון מוצאי שבת ביז ראש השנה, ראש השנה געפאלט שוין דינסטאג, דעמאלטס זאגט מען א גאנצע וואך סליחות, כדי עס זאל זיין אמוויינינגסטנס פיר טאג. פארוואס. ווייל א קרבן דארף האבן ביקור ארבעה ימים (**אליה רבא** סימן תקפ"א סק"ח). ווען מען האט געברענגט א קרבן, האט מען געדארפט מבקר זיין דעם קרבן אז עס זאל נישט האבן קיין מום. אין מדרש (ויק"ר יב-כט) שטייט, אז ביי יעדן יום טוב שטייט והקרבתם, מען זאל מקריב זיין א קרבן, און ביי ראש השנה שטייט (במדבר כט-ב) ועשיתם עולה, ווייל מען דארף זיך אליין מאכען פאר א עולה, מען דארף אליין זיין כאילו מען איז א קרבן פארן אייבערשטען, מען איז זיך מקריב פארן באשעפער. און א קרבן א בעל מום איז דאך לא ירצה (ויקרא כב-כה), איז דא אומווייניגסטענס פיר טאג סליחות, וואס דאס איז ביקור מומים. די פיר טאג איז געגעבן געווארן אויף תשובה, זיך נעמען צייט און זיך מתבונן זיין, וואס דארף איך מתקן זיין מיינע מעשים, יעדע מום וואס מען האט, דארף מען זעהן אראפצונעמען כדי מען זאל קענען צוקומען צום ראש השנה. איז אתם נצבים היום כולכם לפני ה', ווען מען שטעלט זיך ראש השנה פארן אייבערשטען, איז דא א רמז דערויף פיר מ"ם'ס, פיר טאג איז דא וואס מען דארף מבקר זיין די מומים, פאר מען קומט צו צו ראש השנה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אזוי ווי דער באשעפער האט אונז געגעבן די זכיה אז מען האט געקענט זיצען באהלה של תורה א גאנץ יאר, און מסיים זיין די מסכתא. [און שלמה יצחק האט מסיים געווען פאר זיך מסכת תענית, ער מאכט א סעודה יעצט]. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויף, אז מען זאל קענען לערנען פלייסיג דעם

קומענדיגען יאר. אויסבעטן ביים אייבערשטען אז מען זאל האבן א גרינג יאר און א געזונט יאר, עס זאל נישט שולט זיין די אלע חלאים רעים וואס גייען ארום אויף די וועלט, זאל נישט האבן א שייכות צו כלל ישראל. עס איז דא געגוג גויים וואס קענען עס אויסנוצען, און מען דארף נישט האבען צו דעם יודען. דער באשעפער זאל געבן אז מען זאל קענען עוסק זיין אין תורה מתוך בריאות השלימות.

**איך** וויל עקסטער באדאנקן דעם חשובן מנהל וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות אין די ישיבה, די מגידי שיעורים, מען קען נישט ארויסברענגען ווי ווייט זיי זענען איבערגעגעבן פאר יעדן תלמיד, מער פון וויפיל מען פארלאנגט פון זיי, און מער פון די מאס וואס מען גיט אוועק פאר בחורים זענען זיי איבערגעגעבן, אז ווען מען דארף זיי האבן, שטייען זיי גרייט צו פארהערן, און ארויסהעלפן יעדע פראבלעם וואס א בחור האט. זאל דער אייבערשטער זיי געבן, אז זיי זאלן קענען וויטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט נחת און הרחבת הדעת. איך וויל אנוואונטשען פאר יעדן איינעם, דער באשעפער זאל געבן אז מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה, א פרייליך יאר און א לוסטיג יאר. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה חזר **רבינו שליט"א** למעון קדשו בוויליאמסבורג, אחר ששהה במשך ימי הקיץ בקרב תלמידי ישיבתנו הק' במחנה מתיבתא נחלת יעקב.

*

***יום חמישי פרשת נצבים וילך***

בשעות אחר הצהרים הגיע **הרה"ג רבי חיים שלמה מיללער שליט"א** (בליווי טובי הקהלה) לקבל ברכת הקודש לעת התעטרו לכהן ברבנות בק"ק נייטרא בוויליאמסבורג.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **שמואל זלמן** נ"ו בן הר"ר **יעקב בער גרינוואלד** נ"ו, עב"ג בת הר"ר **זאב אלי' וייסבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החופה של בת הר"ר **יהושע דוד הערשקא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלמה משה מאנדל** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת הכתרה של **הרה"ג אב"ד נייטרא שליט"א**, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לחתונה של בת הר"ר **יהושע דוד הערשקא**. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת פרשת נצבים וילך***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אשר איידליס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קאלוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

***שבת קודש פרשת נצבים וילך***

בסעודה שלישית דיבר **רבינו שליט"א** דברי הכנה לקראת הימים נוראים הממשמשים ובאים, ובמיוחד בגודל מעלת תשובה מאהבה, בהתבוננות בחסדי ה' בכל עת ורגע, ובזה זוכים להפך הזדונות לזכיות.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **מנחם זאב מאנדל** הי"ו (חתן הר"ר יהושע דוד הערשקא הי"ו).